וואָס דער אויבערשטער איז אים בוחר.

ב. עס זיינען פאַראַן אַזעלכע וואָס מען איז זיי מטעה און זיי טייטשן דעם ענין פון דר בארץ ישראל כפשוטו, און נאָך דערצו אין אַ גסות׳דיקן און חומריות׳דיקן אופן, ביז ביי זיי ווערט דער היפך פון פסק התורה.

דער רמב״ם אין הלכות דיעות[3]) פסק׳נט, אַז בשעת עס זיינען פאַראַן פאַר אַ מענטשן צוויי ערטער, איין אָרט אַ מקום ישוב, אָבער דאָרט האָט ער מורא אַז ער וועט אַראָפּגעפירט ווערן פון אידישן וועג, און דער צווייטער אָרט איז אַ מדבר, איז ניט נאָר וואָס לכתחלה דאַרף ער אויסקלייבן דעם מקום מדבר, נאָר אַפילו אויב ער געפינט זיך שוין במקום ישוב, זאָל ער אַנטלויפן פון דאָרט אין אַ מדבר.

דאָס רעדט זיך וועגן אַנטלויפן אין אַ מדבר, מכל שכן בנידון דידן אַז לכתחלה טאָר מען ניט אויסקלייבן אַזאַ אָרט, וואו מען קען ח״ו אַראָפּגעפירט ווערן פון דרך הישר.

אַי — טענה׳ט מען — די גמרא זאָגט דאָך כל הדר בחוץ לארץ כו׳, איז מיינט מען דאָס דווקא אַ דירת קבע, אָבער בשעת מען וואַרט אויף משיח׳ן און באַלד ווי ער וועט קומען איז מען גרייט צו פאַרלאָזן די גאַנצע זבת חלב ודבש וואָס אין חוץ לארץ — די וואָס מיינען אַז זיי האָבן דאָס — ווייל ער וויל האָבן דעם ומלאה הארץ דעה את ה׳ כמים לים מכסים, דעמאָלט איז אויך זייענדיק אין חוץ לארץ איז דאָס דער מקום אשר יבחר ה״א בו און אויך דאָ קען זיין עבודת הקרבנות ברוחניות, מקריב זיין עולותיך ושלמיך, דיינע עליות און דיינע שלימות׳ן אויפן מזבח.

און דאָס איז די הוראה וואָס מען דאַרף אַרויסנעמען פון היינטיקער טאָג־פרשה, אַז בכל מקום אשר אזכיר את שמי איז אומעטום ארץ ישראל, וואָס דאָס האָט בכוח יעדער איד צו אויפטאָן אַז דאָס זאָל זיין בגלוי, און דאָס איז דער ענין פון משיח הפרטי[4]), וואָס דאָס וועט אויך ברענגען ביאת משיח הכללי, אַז אַלע אידן וועלן גיין אין ארץ ישראל הגשמית צוזאַמען מיט משיח צדקנו.

ג. ווען מען רעדט וועגן ענינים פון משיח׳ן, זיינען דאָ אַזעלכע וועלכע מיינען, אַז דאָס איז ווי דער לשון הגמרא, הילכתא למשיחא[5]), דאַרף מען וויסן אַז די מעשה איז ניט אַזוי, און עס איז דאָ אויף דעם אַ ראי׳ מוכחת אויך פון נגלה דתורה.

עס איז פאַראַן אַ דיעה[6]), אַז אַ כהן טאָר ניט טרינקען אַ רביעית יין בזמן הזה, ווייל במהרה יבנה בית המקדש און אַ שיכור איז אָסור בעבודה. מפיג זיין שכרות פון יין קען מען דורך צוויי אופנים[7]): א) שינה, ב) שהי׳ כדי מיל.

דער שיעור פון אַ מיל איז אַכצן מינוט. דער גרעסטער שיעור וואָס

---

3) פרק ו הלכה א.

4) זע אגרת הקדש סימן ד.

5) סנהדרין נא, ב. זבחים מה, א.

6) זע תענית יז, א. וברמב״ם הלכות ביאת מקדש פרק א הלכה ז.

7) עירובין סד, ב. שו״ע או״ח סימן צט סעיף ב. שו״ע רבנו הזקן שם סעיף ג.

איז דאָ אויף אַ מיל איז פיר און צוואַנציק מינוט[8]). איז דאָך אַ ראַי׳ על פי נגלה, אַז במשך אַ קליינער ווײַלע, נאָך וויניקער ווי אַ שיעור מיל, וואָס דאָס איז, לכל היותר, דרײַ און צוואַנציק מינוט מיט נײַן און פופציק סעקונדעס, קען קומען משיח מיט אַ פאַרטיקן בית המקדש, אַז מען זאָל דאַרפן גיין גלײַך צו דער עבודה.

(משיחת כ׳ מנ״א *). תשט״ו)

ד. ...די זעלבע זאַך איז אויך בשעת אײנער קומט און טענה׳ט אַז ער וויל פאָרן אין דעם אָרט וואָס עיני הוי׳ אלקיך בה מראשית השנה ועד אחרית שנה. צוליב וואָס זאָל ער זײַן אין גלות און מוטשען זיך, בשעת ער קען אַנטלויפן פון דאַנען קיין ארץ ישראל.

זאָגט מען אים, אַז ניט מיט דײַן ווילן ביסטו אין גלות און ניט מיט דײַן ווילן וועסטו אַרויסגיין פון גלות, דאָס איז דעם אויבערשטנס אַן ענין, איז במילא וויבאַלד עס איז על פי השם, דאַרפסטו דאָך ניט לויפן פון דאַנען, וואָרום וואו דו ביסט ביסטו דאָך בי גזא דרחמנא.

נאָר אַזוי ווי מען האָט אים געגעבן בחירה חפשית, קען ער דאָך בוחר זײַן אין דעם וואָס ער וויל, האָט ער די בחירה אויף קויפן אַ טיקעט און פאָרן קיין ארץ ישראל. דאָס האָט מען בײַ אים ניט צוגענומען. מען איז ניט משנה סדרי בראשית מפני כו׳[9]). אָבער וואָס טוט זיך מיט אים — ניט ער איז אַנטלאָפן פון חוץ לארץ קיין ארץ ישראל, נאָר ער האָט מיטגענומען מיט זיך דעם אַויר חוץ לארץ קיין ארץ ישראל און איז דאָרט באויר חוץ לארץ.

עס ווערט געבראַכט אין חסידות[10]) בשם ספר עשרה מאמרות, אַז בײַ יעדער אידן איז מתפשט סביבו דער אַויר גן עדן און דער אַויר גיהנם, איז בשעת אַז איבער דעם מפני חטאינו וואָס ער האָט נאָך ניט מתקן געווען, דאַרף ער נאָך זײַן אין דעם מצב פון גלינו מארצנו אויך כפשוטו, און ער נעמט אַליין און פאָרט קיין ארץ ישראל, דעמאָלט נעמט ער מיט אין דעם ארץ אשר עיני ה״א בה, דעם אַויר גיהנם. וואָרום ער איז דאָך אַנטלאָפן פון דעם אָרט וואו ער דאַרף נאָך זײַן כדי מתקן זײַן חלקו אין דער סיבת החורבן והגלות, און דורך דעם פאַרציט זיך דער תיקון וכו׳.

מילא בשעת ער געפינט זיך אין חוץ לארץ, איז דאָך גזרו על גושה ועל אַוירה[11]), אָבער אין ארץ ישראל איז אַויר טהור, און ער נעמט מיט דעם אַויר גיהנם אין פלטין של מלך.

ה. מען טענה׳ט אַז ישוב ארץ ישראל איז אַ מצוה, און אויב עס איז ניט קיין מצוה איז עס אַ הידוו

8) שו״ע או״ח סימן תנט סעיף ב. ושו״ע אדה״ז שם סעיף י.

*) כ׳ מנחם אב איז דער יאָרצײַט פונעם פאָטער פון כ״ק אדמו״ר שליט״א, הרב הגאון והרב החסיד וכו׳ מוהר״ר לוי יצחק שניאורסאהן נ״ע. זע וועגן אים אין קובץ ליובאַוויטש שנה ראשונה חוברת רביעית זײַט 62. (לקוטי לוי״צ הערות לספר התניא וזח״א בהוספות).

9) זע ע״ז נד, ב.

10) זע אגרת הקדש סימן כז.

11) גיטין ח, ב.

פון וואס הויבט זיך דאס אן? פון דעם מדבר גדול, דאס וואס מען איז מחשיב די וועלט, דאס איז די ערשטע טרעפ צו אלע ירידות ביז צום צמאון אשר אין בו מים, און אויף מתקן זיין די אלע ירידות, דארף מען מתקן זיין די ערשטע סיבה, האבן א שטארקייט אין אידישקייט וויסנדיק אז אתה בחרתנו מכל העמים, וואס יעמולט ווערט מען פטור פון דעם גלות און מען גייט אל ארץ טובה ורחבה דורך משיח צדקנו במהרה בימינו.

ה. (כ"ק אדמו"ר שליט"א צוה לנגן ואמר מאמר ד"ה והי' עקב).

ו. די שלוחים געפינען זיך איצטער אין ארץ טובה ורחבה.

נאכדעם וואס דער פסוק איז מבאר דעם גלות און באצייכנט אים מיטן נאמען, מדבר גדול ונורא נחש שרף ועקרב צמאון אשר אין בו מים, נאכדעם איז ער מבאר דעם ענין פון ארץ טובה ורחבה, און באצייכנט עס מיטן נאמען "ארץ חטה ושעורה גפן תאנה ורמון ארץ זית שמן ודבש" וואס דאס איז אנטקעגן די ענינים פון מדבר גדול ונורא נחש שרף ועקרב צמאון אשר אין בו מים.

ווי געזאגט פריער, אז עקרב איז ערגער פון נחש שרף, ווארום קרירות איז א סימן אויף העדר החיות.

וועט מען עס פארשטיין עפ"י מאמר הבעש"ט וואס ער האט געענטפערט אויף די טענה וואס מען האט געהאט אויף חסידים, פארוואס חסידים ווארפן זיך אינמיטן דאוונען און מען טוט פארשידענע תנועות מיט די הענט און די איבעריקע אברים אינמיטן דאוונען, בשעת אז מען דארף שטיין בתפלה כעומד לפני המלך, בביטול כעבדא קמי מארי', היינט ווי קומט עס אז מען טוט בעת מעשה פארשידענע תנועות?

האט דער בעש"ט געענטפערט מיט א משל פון איינעם וואס גייט פארביי א טייך, און זעט ווי אין טייך דערטרינקט זיך איינער און ער - דער טובע בנהר - מאכט פארשידענע תנועות אויף צו ראטעווען זיך, איז אפילו אויב - דעם וואס שטייט לעבן טייך - וועט אויסקומען בשכלו אז דער טובע בנהר האט געדארפט בעסער מאן אנדערע תנועות אויף צו ראטעווען זיך, פונדעסטוועגן וועט ביי אים קיין קשיא ניט זיין אויפן טובע בנהר, ווארום וויבאלד אז יענער דער טרינקט זיך רירט עס אים אן ביותר בעצם נפשו, און קען ניט בשעת מעשה צו אויסרעכענען וואס פאר א תנועות עס לייגנט בעסער צוטאן.

די זעלבע זאך איז בשעת א איד שטעלט זיך דאוונען און ער איז זיך מתבונן ווי דער אויבערשטער איז דער מקור מים חיים, וכל הפורש ממנו איז ווי די גמרא זאגט דגים הפורשים מהמים מיד מתים, איז מצד דעם וואס דער ענין רירט אים אן בעצם נקודת נפשו, ווי מ'האט גערעדט אין מאמר אין דעם ענין פון בכל מאדך, קען ער ניט בשעת מעשה שטיין קאלט און מגביל זיין זיינע תנועות ווי צוטאן.

און אויב ער פארבלייבט בשעת מעשה קאלט און קען זיך פאנאנדערקלייבן בשכלו צו מגביל זיין זיינע תנועות, איז א ראי' אז עס פעלט אים נאך דער בכל מאדך, און אפשר פעלט אים נאך עפעס צום בכל מאדך.

ווארום בשעת מען שטייט מיט די קאלטקייט פון שכל, איז דאס א הוראה אויף העדר החיות, כנ"ל אז קרירות איז העדר החיות, און ווי דער אלטער רבי האט געזאגט אויף זיינע מחונכים,

הנחה בלתי מוגה